## האָסט די אויגן צוגעמאַכט.

האָסט די אויגן צוגעמאַכט
און שלאָפֿסט
און טרוימסט
און טרוימסט
ווײַט — ווײַט
איבער טרוקענע רויטע אויגן;
איבער טרייסטלאָז־פֿאַרשעמטע טרערן;
איבער אַלטן,
דורות-אַלטן טרויער;
איבער יונגן,
מוטיק-יונגן צאָרן;
ווײַט — ווײַט
ביז דעם לעצטן
דערשראָקענעם פֿונק
וואָס איז קעגן זײַן ווילן
דורך אומריינע אָטעמס
געבלאָזן געוואָרן
אויף דער ווײַסער יריעה,
און פֿאַרברענט דאָס אָרט
וווּ עס זענען געשטאַנען
זײַנע צוויי ברידער:
אַש, דת...
און אויסגעברענט זיך
צוזאַמען מיט זיי - - ;
ווײַט — ווײַט
ביז דאָס לעצטע שטיקל גלאָז
פֿון אַן אויסגעהאַקטע פֿענצטער
אין אַ שול,
ביז די לעצטע רעלסן
דאָרט ערגעץ בײַ אַ באַן
וואָס קוקן און זעען
און זאָגן נישט אויס:
ווער ס'האָט נעבן זיי
אַ ייִדן דערשטאָכן...
ביזט אַוועק;
יונגערהייט אַוועק,
אַ פֿאַרמאַטערטער אַוועק;

און ליגסט
אויף דייַן האַרטן בעט
און דו קענסט פֿאַר צער
נישט אויפֿהייבן די ברעמען;
האַלטסט פֿאַרמאַכט די אויגן
און טרוימסט
און טרוימסט
פֿון ווייַסע, ווייַסע וועלטן,
פֿון בלויע, בלויע וועלטן
מיט "זיבן שטערן" אין דער מיט...
און מיר,
מיר לויפֿן אין אַלע עקן וועלט אַרום
מיר זוכן אַ בלויע שעה אַרום - -
מיר זוכן אַ שטערן אין דער נאַכט —
און פֿינצטער, פֿינצטער איז אַרום; - -
ווּ צעשיידן זיך די וועגן? - -
קליינע קינדער פֿון גרויסע טרוימער,
קליינע קינדער אויף די וועגן...
און לויפֿנדיק, פֿאַרבלאָנדזשען מיר
אַמאָל אַמאָל אין אַ שווערער נאַכט
פֿאַר דייַן גרויסן האַרטן בעט.
מיר בלייַבן שטיין און קוקן שטיל
אויף דייַנע אַראָפּגעלאָזטע ברעמען
אויף דייַנע צוגעמאַכטע אויגן;
מיר בלייַבן שטיין און הערן צו:
דו מורמלסט ווײנענדיק פֿון שלאָף:
מייַן פֿאָלק...
מייַן פֿאָלק...

---

הייַנט; פֿאָרמעלער נאָמען: דער טאָג (וואַרשע) 2, נומ׳ 23, יולי 9, **1920**, ז׳ 5